# מיט א טיפערן בליק
# פרשת שמות תשפ"א
# שטרעק אויס דיין האנט!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

מיט א שבח והודאה צו בורא עולם פאנגן מיר אָן לערנען ספר 'שמות', און מיט א הייסע תפלה בעטן מיר ויה"ר אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו שפירן און לעבן די ליכטיגקייט וואס ליגט פאר אונז אין די הייליגע פרשיות בפרט יעצט ווען מיר פאנגן אָן לערנען "ספר שמות" - דער ספר וואס נעמט אונז פון גלות צו גאולה.

לאמיר זיך נישט פארזוימען נאר טאקע אנפאנגן לערנען, ספר שמות פאנגט זיך אָן מיט איינע פון די שווערסטע קאפיטלעך וואס כלל ישראל איז אריבער "גלות מצרים", ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה - יעקב אבינו מיט די קינדער זענען אראפ קיין מצרים און אמת טאקע אז זיי זענען אנגעקומען מיט כבוד און פאראד, געלעבט א לעבן מיט די העכסטע מאָס רואיגקייט, האט אבער נישט לאנג גענומען, ווי די פסוק זאגט אונז אז ויקם מלך חדש, און נייע צייטן האבן זיך אנגעפאנגען, און מיט א ביטערע הבה נתחכמה פלאן, ליידן די אידישע קינדער שווערע צרות אויפן העכסטן פארנעם.

די מצריים זענען אבער ווייט פון פערטיג, מען איז זייער באַזאָרגט איבער קלאנגען וואס דרייען זיך ארום איבער דעם אידישן אויסלייזער וואס דארף צו געבוירן ווערן, וואס טוט מען? אבער דער רשע פרעה האט א פלאן און לאזט רופן די אידישע מְיַלדות און באפעלט זיי שטרענג די שווערע גזירה פון כל הבן הילוד היארה תשליכהו. אבער צווישן די שרעקליכע גזירות און טינקלקייט שטייען די הייליגע אידישע מילדות און מאכן זיך גארנישט וויסענדיג און טוען בכלל נישט אויספירן דעם רשע'ס פלאן.

און דערנאך דערציילט אונז די פסוק דעם באקאנטן געשעעניש ווי אונזער הייליגע רבי ווערט געבוירן, (ווי מיר געדענקן פון די חדר יארן דעם הערליכן בילד) מען האט גענומען דאס קינד און אים אריינגעלייגט אין א קאַסטן, ווען אין די זעלבע צייט שטייט זיין שוועסטער מרים הנביאה אונטערן בוים, זי קוקט זיך צו און וואַרט, האָפט, און איז פארזיכערט אז אויף עפעס א וועג וועט א ישועה קומען. און צו די גרעסטע וואונדער פאסירט דאס אומגלויבליכע, נישט קיין צווייטער נאר דער טאכטער פון פרעה קומט צו גיין און באמערקט דעם קאסטן שווימען אויפן וואסער, זי שטרעקט אויס איר ארעם און אט פאסירט דאס אומבאשרייבליכע איר האנט טוט זיך אויסציען און אזוי ווערט דאס קינד ארויסגענומען פון וואסער, און זי געבט אים א נאמען משה, זי ברענגט אים צו פרעה אין פאלאץ אריין און אזוי טוט זיך אנפאנגן וועבן די וואונדערליכע לעבן פון אונזער הייליגע רבי דער מושיען של ישראל.

ווי נאר מיר לערנען די פסוקים פרעגט זיך: א. וואס איז פשט פון דעם אז איר האנט האט זיך אויסגעצויגן, וואס איז דער טיפקייט דערפון, און וואס ליגט דא באהאלטן פאר אונז? וואס לערנט עס אונז? ב. אז מיר באטראכטן דעם בילד איז גאר אינטערסאנט צו באמערקן אז אונזער הייליגע רבי ווערט געבוירן אין אזעלכע אינטערעסאנטע אומשטענדן, אין א קאסטן, מרים הנביאה, די בת פרעה - ווי פארשטענדליך לערנט אונז די תוה"ק אין די שורות עפעס יסודות'דיג, לאמיר זיך פארטיפן.

פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די טיפע ענינים, וואס מיר שמועסן איז נאר אויף אונזער פשוטע מדריגה אלעס מיטן ציל זוכה צו זיין בעזר ה' ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

נאר איידער מיר גייען ווייטער, איז כדאי מקדים צו זיין מיט א דבר נפלא וואס חז"ל דערציילן אונז אין מדרש (שהש"ר פר' א'). דער הייליגער תנא רבי חנינא בן דוסא וועלכער האט געלעבט אין גרויס אָרימקייט און נויט, האט אמאל געזען ווי דער עולם פון זיין שטאט גייט ארויף קיין ירושלים מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש, אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א בהמה, פון גרויס השתוקקות און חשק אויך צו קענען עפעס ברענגען אין בית המקדש אריין, איז רבי חנינא ארויס אינעם מדבר וואו ער האט געפונען א גרויסע שיינע שטיין, האט ער זיך גענומען אויסארבעטן דעם שטיין, ער האט עס גלאט געמאכט און אריינגעקריצט אין איר פארשידענע שיינע צייכענונגען, ביז ער האט דאס געמאכט פאר א פאסיגע געשאנק צו קענען ברענגען פאר 'הקדש' אלס א נדבה.

ווען ער האט געענדיגט די ארבעט, האט ער געזוכט ארבייטער וואס זאלן זיין גרייט דאס צו שלעפן קיין ירושלים, אבער אלע האבן געבעטן ארום הונדערט גילדן פאר די שווערע ארבעט, א גרויסע סכום וואס ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן, ביז דער אייבישטער האט געשיקט פינף מלאכים וואס האבן אויסגעזעהן ווי מענטשן, און זיי האבן אים אָנגעטראגן צו שלעפן דעם שווערן שטיין קיין ירושלים פאר די ביליגע סכום פון בלויז פינף גילדן, און זיי האבן אים געזאגט "קום לייג צו א האנט" און אלע צוזאמען האבן עס געשלעפט, און ביז א קורצע ווײַלע זענען זיי שוין געשטאנען אין ירושלים. ווען רבי חנינא האט זיי געוואלט באצאלן די פרייז וואס זיי האבן געבעטן, האט ער געזעהן אז די מענטשן זענען שוין נישט דא, זיי זענען פארשוואונדן געווארן. ווען די מעשה איז אנגעקומען צו די אויערן פון די סנהדרין, האבן זיי אים געזאגט "רבי, לויט ווי עס קוקט אויס זענען געקומען מלאכי השרת פון הימל צו שלעפן דיין שטיין קיין ירושלים".

האט דער חידושי הרי"ם זי"ע מדייק געווען, אויב די פרייז פון ארויפשלעפן א שטיין קיין ירושלים איז הונדערט גילדן, דאן וואס האט רבי חנינא געטראכט? פארוואס האט ער בכלל אנגעהויבן צו ארבעטן אויפן שטיין, ווען ער האט געוואוסט אז בדרך הטבע וועט דאס בלייבן שטעקן דארט אין מדבר, און וואס איז געווען זיין פלאן בכלל? נאר וואס דען, לערנט אונז דער חידושי הרי"ם, רבי חנינא בן דוסא האט געהאט א תשוקה און א בענקעניש, עס האט געברענט אין זיין הארץ א הייליגע פייער צו ברענגען א מתנה פארן אייבישטער, און דעריבער האט ער באשלאסן צו טון וויפיל ער קען, ער וועט טוען דאס זייניגע, און די איבריגע וועט שוין השי"ת העלפן, ער האט נישט געפרעגט קיין קושיות וואס, וואו, און ווען, ער האט אזויפיל געוואוסט מיט א זיכערקייט אז אויף עפעס א וועג וועט עס שוין בעזר ה' אנקומען קיין ירושלים. **און אזוי דארף מען אלעמאל טוען אין עבודת השי"ת, מיר טוען וואס מיר קענען, אפילו אויב מיר קענען נישט אנקומען בשלימות, עס איז נישט מעגליך בדרך הטבע אז מיר וועלן קענען אויספירן למעשה, דאָך זעען מיר פון דעם געשעהניש אז "לא עליך המלאכה לגמור", דו מוזט נישט ענדיגן אלעס, דארט וואו דו וועסט נישט קענען מער, וועט דער בורא עולם אליין זארגן אז ס'זאל נשלם ווערן ווי ס'דארף צו זיין, דער אייבישטער האט שוין זיינע מלאכים און שלוחים וואס קענען אויספירן די ארבעט וואס דו קענסט נישט.**

אגב, באמערקן מיר נאך א נקודה פון אט דעם יסוד נפלא אין דעם לשון המדרש זעלבסט, די מלאכים האבן קלאר געזאגט פאר רבי חנינא "ובלבד שתשלח ידך עמנו - דו מוזט אויך צולייגן א האנט מיט אונז", ווייל ווען דער מענטש שלעפט, ווען מיר שטרעקן אויס א האנט צו טוען, העלפט בורא עולם און ס'קומען ארויס נסים ונפלאות

פאָרנט פון די אויגן, מיר דארפן נאר אנפאנגן צו טוען, צולייגן א פלייצע, און די איבריגע לאז אויפן אייבישטער.

יעצט צוריק צו אונזער שמועס, לאמיר זיך נאר קורצליך אפשטעלן און זיך אביסל באקענען מיט בתיה בת פרעה, ווער איז זי געווען, און צו וואס האט זי זוכה געווען. דא אין אונזער פרשה ווערט זי נאר אנגערופן 'בת פרעה' אן איר נאמען, אבער אין דברי הימים (א' ד') שטייט **וְאֵלֶּה בְּנֵי בִּתְיָה בַת פַּרְעֹה**, און ווי חז"ל זאגן אין מדרש (ויק"ר א' ג') אז דער אייבישטער אליין האט איר גערופן 'בתיה' וואס איז מרמז אויף 'בַּת יָ-הּ', פונקט ווי זי האט אויפגעהאדעוועט און גערופן משה רבינו ווי אַן אייגן קינד כאטש זי איז נישט געווען זיין מאמע, זאגט כביכול השי"ת אז אויך זי וועט ווערן אנגערופן א בת י-ה, ווי א טאכטער פונעם אייבישטער. אין מסכת דרך ארץ זוטא (סוף פרק א') ווערט בתיה אויסגערעכנט צווישן די וואס האבן זוכה געווען אריינצוגיין לעבעדיגערהייט אין גן עדן. און אין זוהר הק' (פר' שלח) ווערט געשילדערט באריכות אז בתיה זיצט אין א ספעציעלע היכל אין גן עדן ארומגענומען מיט צענדליגע טויזנטע נשמות פון נשים צדקניות וואו זיי זענען עוסק אין שירות ותשבחות צו השי"ת און זי איז זוכה דארט צו א געוואלדיגע אור און פארשידענע רוחניות'דיגע גילויים און תענוגים צו וואס אנדערע זענען נישט זוכה.

נו, אז מיר זעהן די געוואלדיגע לשונות פון חז"ל איז כדאי זיך אפצושטעלן און זיך ריכטיג פארטיפן אין די הייליגע ווערטער, און בעיקר זיך פרעגן ווי אזוי איז מען זוכה צו אט אזעלכע געוואלדיגע השגות.

נאר לאמיר זיך געבן א שטעל אָפּ און אריין טראכטן אביסל ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט דעם מצב דארט ביי די בת פרעה, (מיר שמועסן עס אויס לויט אונזער השגה, לשבר את האוזן). דרייט זיך א קליין מיידל אין די ערגסטע און גרעסטע מקום טומאה, ביי פרעה אין פאלאץ, און נישט סתם וואס זי דרייט זיך דארט, נאר זי איז גאר דער קעניג פרעה'ס טאכטער. זי פארמאגט כבוד און עהרע אָן א שיעור, יעדער איז איר געטריי ווייל זי איז דאך די פרינצעסן. - יא אמת אז זי פארמאגט אלע גשמיות'דיגע גליק אויף די וועלט, אבער צו די זעלבע צייט פארמאגט זי א טאטע וואס טראגט דעם טיטל דער וועלט'ס גרעסטע בעל גאוה, דער וואס איז דער מקור פון 'אני ואפסי' עס עקזעסטירט גארנישט נאר דער 'איך'. טעגליך הערט זי זיך אונטער און טוט מיטהאלטן אומבאשרייבליכע גזירות איינס נאכן צווייטן, זי לעבט מיט איינע פון די ערגסטע רציחות אין די וועלט'ס היסטאריע, אז אלע אידישע קינדער דארפן ווערן אריין געווארפן אין טייך וכדומה, און ס'איז נישט קיין צווייטער וואס שטייט אין שפיץ נאר איר אייגענע טאטע. און דא פלוצלינג באקומט זי א געפיל אז עס מוז זיין אז די וועלט פארמאגט עפעס שענער און אמת'דיגער, ס'קען נישט זיין אז די וועלט האט נישט אין זיך עפעס העכער און הייליגער... און צוביסלעך ערוועקט זיך א בענקשאפט צום גרויסן באשעפער פון די וועלט, אבער ווי פארשטענדליך איז דאס סכנת נפשות, ווייל איר טאטע איז דאך דאס העכסטע, 'ער' אליין איז א גאנצע געטשקע פאר זיך, אבער צוביסלעך טוט זיך איר הארץ מער און מער אויפמאכן און אט מאכט זי דעם אומבאשרייליכע החלטה אז זי וויל נעמען אויף זיך דעם הייליגן פליכט פון זיך אפוואשן און ריינען פון די אלע עבודה זרה'ס פון איר טאטעס הויז, ווי חז"ל זאגן אונז (סוטה י"ב:) **ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור, ואמר רבי יוחנן שירדה לרחוץ מגילולי בית אביה,** לאמיר זיך פאָרשטעלן וויפיל קוראזש און מסירת נפש נעמט אט דעם אקט, אין וואס פאר א סכנה האט זי זיך אריינגעלייגט, ווי וואלט אויסגעקוקט דער סצענע ווען איר טאטע פרעה הרשע זאל געוואר ווערן דערפון, אבער זי שרעקט זיך נישט, נאר מיט די גרעסטע מסירות נפש טוט זי זיך אפוואשן און ריינגן.

נאך ברענגט דארט די גמרא אז אירע דינסטן האבן איר געוואלט שטערן פון ראטעווען משה רבינו, ווען זיי האבן געזעהן ווי בתיה וויל נעמען דעם קעסטל אין וועלכע ס'ליגט א אידיש קינד, האבן זיי איר געזאגט, דער סדר פון די וועלט איז אז ווען א קעניג מאכט א געוויסע געזעץ, אפילו אויב די מענטשן פון זיין לאנד ווילן איהם נישט פאלגן, אבער זיינע אייגענע קינדער און משפחה זיי וועלן דאָך אודאי אויספירן דעם קעניג'ס ווילן, אויב אזוי פאַסט נישט דער זאך פאר דיר אז דו זאלסט זיך קעגנשטעלן דיין אייגענעם טאטע'נס ווילן און גיין ראטעווען א אידיש קינד פונעם וואסער. דעמאלטס איז געקומען דער מלאך גבריאל און ער האט זיי אראפגעקלאפט צו די ערד און גע'הַרג'עט אז זיי זאלן נישט קענען אפהאלטן בתיה פון ראטעווען משה.

**זעען מיר דא איין מאל און נאכאמאל ווי בתיה שטעלט זיך ארויס מיט איר מסירות נפש, איר געטריישאפט צום אמת, איר שטערט נישט צו ראטעווען א אידיש קינד, אדרבה, זאל דער מושיען של ישראל בלייבן לעבן, זי גייט נישט אין שוואונג מיט איר טאטע'ס שלעכטע פלאן, ווייל בתיה זוכט דעם אמת, זי איז משתוקק צו טוען וואס איז ריכטיג און רצון השי"ת. און ווי דער מהר"ל זאגט אז הקב"ה איז מגלגל זכות ע"י זכאי, און טאקע גלייך נאכן זיך אפריינגן פון די פילע עבודה זרה'ס איז זי זוכה צו זיין דער וואס באמערקט דעם קאסטן מיט משה רבינו.**

נאך מער, ווען זי זעהט דעם קאסטן ווייט אוועק, שטרעקט זי אויס איר האנט עס צו נעמען, און דא געשעט די וואונדערליכע נס וואס אלע אידישע קינדערלעך ווייסן און לערנען ביז'ן היינטיגן טאג, איר האנט הייבט זיך אָן צו פארלענגערן 'אַמּות הרבה' אסאך אמות וואס האבן אויסגעפעלט אז זי זאל קענען דערגרייכן דעם קאסטן... אבער איין מינוט, אויב איז די קאסטן טאקע אזוי ווייט אוועק, פארוואס האט זי בכלל אויסגעשטרעקט די האנט, וואס איז געווען די פלאן בכלל, ווי אזוי גייט זי דאס דערגרייכן בדרך הטבע. אבער דער תירוץ ווייסן מיר שוין פון פריער, בתיה איז דער וואס זוכט דעם אמת, זי איז דער וואס איז זיך מוסר נפש צו ווערן נענטער צום אמת, זי וויל ראטעווען א אידיש קינד און אפשר גאר דער מושיען של ישראל, און טאקע דערפאר טראכט זי נישט קיין צוויי, נאר זי שטרעקט אויס איר האנט, **כאטש ס'האט טאקע נישט קיין שום פשט אויסצושטרעקן דעם האנט ווען ס'קען נישט דערגרייכן, אבער איר מסירות נפש, איר תשוקה און בענקשאפט צום אמת נעמט איר איבער, און זי טוט יא אויסשטרעקן איר האנט...**

און די וואונדערליכע נס פאסירט ממש פאר די אויגן, איר האנט ווערט אסאך לענגער, איר האנט דערגרייכט עפעס וואס על פי טבע קען עס נישט, און דערמיט ווערט גאר קלאר א נייע מציאות אויף די וועלט, אז דארט וואו ס'איז פארהאן מסירת נפש, דארט וואו ס'איז פארהאן א השתוקקות וואס איז גענוג שטארק צו זאגן פארן מענטש אז כאטש על פי טבע קען איך טאקע נישט דערגרייכן און אנקומען דארט וואו איך דארף, דאך פרוביר איך צו טוען דאס מייניגע, און הקב"ה וועט מיר שוין אויסציען און פארלענגערן דעם האנט, הקב"ה וועט מיר שוין ערמעגליכן אז איך וועל קענען. אט דאס איז די מהות פון 'בת י-ה' פון א ענדלאזע מסירות נפש אויף טריט און שריט, און די הילף וואס קומט צו גיין פון הימל איר צו העלפן ערררייכן איר ציל, און טאקע זי און נישט קיין אנדערע איז זוכה צו זיין די שליח און ראטעווען דער מושיען של ישראל, און אנקומען צו אירע גרויסע מדריגות ווי פריער דערמאנט.

ענדליך איז די מציאות מיט דער הייליגע צדיקת מרים וואס שטייט דא אזוי באהאלטן אונטער די בוים און האפט אוןווארט פאר א ישועה, ווי חז"ל דערציילן אונז גאר אסאך איבער איר גרויסקייט און איר 'עזות דקדושה', קודם כל איז זי געווען פון די מְיַלְּדוֹת וואס האבן נישט געפאלגט פרעה'ס אנווייזונגען צו הארגענען די אידישע קינדער, ווי חז"ל זאגן אז 'פּוּעָה' איז געווען מרים. אויך ווען איר טאטע האט נישט געקענט צוקוקן צום ביטערן מצב ווי די אידישע קינדער ווערן אריין געווארפן אין טייך, האט ער באשלאסן אז ער וועט מער נישט האבן קיין קינדער, און ער האט זיך אויף געשטעלט און געגעבן א גט פאר זיין פרוי... אבער זיין טאכטער מרים וואס איז איין

שטיק אמונה און האפענונג, שרייט "טאטע טאטע, די גזירה וואס דו מאַכסט איז ערגער פון פרעה'ס גזירה, ווייל פרעה הארגעט נאר די אינגלעך... און דורך דעם וואס דו האסט אפגע'גט דיין פרוי און אלע אידן וועלן דיר נאכמאכן וועלן מיידלעך אויך נישט געבוירן ווערן". און עמרם האט איינגעזען אז זיין טאכטער איז גערעכט, מ'טאָר בשום אופן נישט אויף געבן **"מיר דארפן טוען די מערסטע און בעסטע וואס מ'קען און זיך פארזיכערן אין די ישועת ה'"**, און ער נעמט צוריק יוכבד פאר א ווייב.

דערנאך האט מרים געזאגט דברי נבואה צו איר טאטע, דו וועסט האבן א קינד וואס וועט אויסלייזן די אידן. און ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן און די גאנצע שטוב איז געווארן אנגעפילט מיט א ליכטיגקייט, האבן זיך אלע געפרייט זעענדיג אז די נבואה פון מרים ווערט מקויים, אבער קורצליך דערנאך דארפן זיי אוועקרייסן דעם קליינעם קינד פון זיך און אים אריינלייגן אין א קאסטן אליינס אויפן וואסער, און יעדער האט געוויינט און אויפגעגעבן האפענונג (זעה מהרש"א סוטה י"ב:) אויך עמרם ווערט זייער צובראָכן, ער קלאַפט אויף מרים'ס קאָפ און שרייט איר אָן "מיין טייערע טאָכטער וואס איז געשען מיט דיין נבואה?". אבער זי גלייבט ווייטער באמונה שלימה, זי שטייט פעלזן פעסט, אפילו ס'קוקט אויס אזוי טונקל, ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום האפענונג, ווייסט זי אבער אז די ישועה איז דא אט אט, און זי איז אזוי זיכער דערין אז זי שטעלט זיך פונדערווייטנס צו זעהן מיט די אייגענע אויגן וויאזוי די ישועה ארבעט זיך אויס, און צום סוף ווערט זי גאר דער שליח צו העלפן איר ברודער, זי לויפט און פרעגט בתיה אויב זי זאל גיין רופן א פרוי צו זייגן דאס קינד וואס וויינט פון הונגער, און זי לויפט און ברענגט איר מאמע יוכבד וואס באקומט צוריק דאס קינד אויפצוהאדעווען.

**אט דאס אלעס דינט אלס די 'התחלה' און יסוד צום לעבן פון משה רבינו דער רבי פון כלל ישראל, ער וואקסט ארויס פון אט די שטארקייט, ער ווערט געראטעוועט און ערצויגן טאקע נאר אין זכות פון די מסירות נפש פון בתיה בת פרעה, וואס איז אהינגעקומען צו טוען דאס ריכטיגע, און טוען דאס מערסטע וואס זי קען נאר, און אזוי אויך דורך די מסירות נפש און פעלזן פעסטע אמונה פון זיין שוועסטער די צדיקת מרים וואס האט געוואוסט נישט אויפצוגעבן אפילו אין די שווערסטע צייטן.**

און אז מיר זענען זיך מתבונן אין דעם ענין דינט דאס פאר אונז אלס א מוסר השכל און לערנט אונז א יסוד אין אונזער טעגליכע עבודת ה', די גרעסטע ישועה וואס כלל ישראל האט זוכה געווען, די גאנצע מציאות פון אונזער הייליגע רבי איז ארויסגעקומען דייקא פון א פלאץ פון טינקלקייט, דארט וואו ס'האט זיך פארלאנגט גאר אסאך מסירת נפש, אמונה, בטחון, התבטלות, סבלנות, אבער בעיקר די ענדלאזע השתוקקות און קלארקייט מיט א פשטות און אָן קיין ספיקות אז אט וועט א ישועה קומען, אט דא גייט עפעס פאסירן אומגלויבליך, און כאטש ס'האט נישט קיין שום פשט אויסצושטרעקן א האנט טוט מען עס נאך אלס, און הקב"ה ענדיגט שוין צו די ארבעט וואס מיר אליין קענען נישט.

און דערפאר איז זיין נאמען געבליבן אויף אייביג 'משה' רבינו, דער נאמען וואס בתיה האט אים געגעבן צוליב יענע מעשה, **וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מֹשֶׁה וגו' כִּי מִן הַמַּיִם מְשִׁיתִהוּ**, ווייל דאס האלט אין זיך דער זכר און דערמאנונג צו די גאנצע השתלשלות, אז נאך די השתדלות וואס זי האט געמאכט פון איר זייט איז טאקע די ישועה געקומען מן השמים וואס האט איר ערמעגליכט אים צו דערגרייכן.

עס איז באקאנט א מעשה פון הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע וועלכער איז געווען א תלמיד חביב פון הרה"ק ר' הערשעלע ליסקע זי"ע. ס'ווערט דערציילט אז דערנאך וואס ער איז געווארן א יתום האט זיין מאמע אים געשיקט לערנען ביי ר' הערשעלע, זייענדיג דארט אין שטוב איז ער געווארן דער משמש בקודש פון ר' הערשעלע. איינס פון זיינע אויפגאבעס דארט אין שטוב איז געווען צו טיילן חלות און בילקעס פאר די חסידים וואס זענען געווען ביים רבי'ן. אמאל אין א שבת ווען ס'איז געקומען די צייט פון שלש סעודות, האבן די חסידים באמערקט אז דער רבי ר' הערשעלע וואשט זיך נישט צו סעודה שלישית נאר ער שטייט און באטראכט דעם הייליגן תלמיד זיינער ר' ישעי'לע, נאך עטליכע מינוט האבן די חסידים געפרעגט רבי פארוואס וואשט מען זיך נישט, האט ר' הערשעלע געוויזן אויף ר' ישעי' ווי ער טיילט די חלות, האבן זיי געפרעגט מיט א וואנדער, רבי דאס איז דאך א וועכנטליכע ערשיינונג וואס איז עפעס אזוי אינטערעסאנט? האט ר' הערשעלע געזאגט: אמת אז רבי ישעי'לע טיילט אבער איך האב שוין א שטיקל צייט צוריק באמערקט אז דער זאק איז ליידיג, און כאטש ס'איז ליידיג טוט ר' ישעי'לע כסדר ארויסנעמען נאך און נאך חלות... אט דאס איז וואס איך קוק.

אז מען איז זיך מתבונן אין די מעשה, דאס איז דאך קלאר אז ר' הערשעלע ליסקער זי"ע האט אנגעמערקט אט דעם 'מופת' פון זיין תלמיד רבי ישעי'לע, און ער האט געוואלט אז די ארומיגע זאלן דאס מיטהאלטן און אפלערנען דעם הייליגן מעשה, נו אז מען טראכט בלויז אויבערפלעכליך, בפשטות האט ער געוואלט אז מען זאל באמערקן דעם גרויסן נס אז פון הימל האט מען געשיקט ברויטן אז ר' ישעי'לע זאל האבן וואס צו טיילן. אבער באמת איז יתכן אז דא איז פארהאן אסאך א טיפערע נקודה, דער צדיק ר' הערשעלע האט געוואלט ווייזן די השגה פון זיין תלמיד ר' ישעי'לע, אז כאטש ער האט לכאורה גאנץ גוט געוואוסט אז די זאק איז שוין ליידיג, ער האט שוין פריער געזען אז די בילקעס ענדיגן זיך שוין, אבער דאך האט ער נישט אויפגעגעבן, זיינע הענט גייען ווייטער אריין אינעם זאק ווי פון זיך אליין, ווייל ס'איז דא אידן וואס האבן נאכנישט באקומען א חלה, א איד איז הונגעריג און מ'דארף אים געבן צו עסן... **ביי ר' ישעי'לע איז בכלל נישט געווען קיין אפציע אויפצוהערן צו טיילן ווייל די זאק איז ליידיג, נאר מ'לייגט אריין די הענט אינעם זאק... נו, אז מען האט אזא תשוקה און חשק צו העלפן א צווייטער איד און מ'וויל אים געבן צו עסן, מ'האט אזא ריינע אמונה און בטחון אז אויף עפעס אַן אופן וועט מען שוין געהאלפן ווערן, דעמאלטס געשעט טאקע א נס און ס'קומט אריין א ברכה אין די חלות.** קומט אויס פון דעם אז די עיקר שיינקייט פון די מעשה איז נישט אזוי ווייט די נס וואס האט פאסירט, נאר די השתוקקות צו העלפן א איד וואס האט באוויגן דעם צדיק אויסצושטרעקן דעם האנט, און די ישועה וועט שוין אנקומען.

טייערע ברידער און שוועסטער, וויפיל מאל טראכטן מיר אזעלכע מחשבות פון ייאוש ביי זיך, עס לוינט זיך נישט צו טוען ווייל ס'וועט סייווי נישט גיין, ס'איז נישט מעגליך, ס'וועט נישט געלונגען... אבער ניין, דא לערנען מיר א טיפע יסוד, **די האנט פון א איד איז קיינמאל נישט קורץ**, לאז נישט דיין תשוקה זיך אָפקילן! דו ווילסט זיך טוישן? דו ווילסט זיין גוט? ווילסט אויפטוען א דבר טוב? אדרבה, לאמיר אויסשטרעקן דעם האנט, אפילו ווען די זאק איז ליידיג, אפילו ווען די קעסטל איז ווייט, אלע תירוצים זענען אמת און ריכטיג, אבער דער אייבישטער קען אלעס ערמעגליכן, און די ישועה קען ארויסוואקסן אינמיטן די גרעסטע חשכות אפילו חוץ לדרך הטבע. לאמיר האבן אביסל אמונה און בטחון, לאמיר אריין שפרינגען און טוען דאס וואס מיר קענען, און השי"ת וועט שוין פארענדיגן און שיקן הילף, וימלא משאלותינו במידה טובה, ישועה ורחמים בביאת מלך המשיח בב"א.

לסיכום געדענק:

- לאמיר טוען אונזער חלק און הקב"ה וועט ערפילן דאס איבריגע.
- אויב א מענטש האט די ריכטיגע תשוקה און חשק, דאן שטרעקט ער אויס די האנט אָן קיין פשט, אפילו ס'איז נישט מעגליך אָנצוקומען.
- פון אונזער אמונה, בטחון, רצון און השתדלות קומען בעזר ה' ארויס גרויסע ישועות.

**א לעכטיגע שבת קודש!**

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com